# האלטס די שמאלץ



די שמאלץ ווערט פארגליווערט,
און קלעבט זיך אן אין די ווענט פון די סועד ליינס,
ביז די פייפ ווערט גענצליך פארשטאפט.



לאזט די שמאלץ זיך אויסקילן
און פארגליווערן,
דאן ווארפט עס אוועק אין די גארבידזש

שמאלץ אדער פעטנס פון געקעכטס (grease) איז אן ערנסטע פראבלעם פאר די טאון'ס סועד סיסטעם, און דער פראבלעם ווערט נאר ערגער און ערגער. כדי דאס צו פארמיידן, טוט די טאון כסדר רייניגן די סועד ליינס מיט ספעציעלע עקוויפמענט, א פראצעדור וואס קאסט אפ שווערע טויזנטער דאלער פאר די שטייער צאלער.

די פעטנס ווערט פארגליווערט אין די סועד ליינס, און עס קלעבט זיך אן אין די ווענט פון די סועד פייפס, עס ווערט דיקער און דיקער ביז עס טוט גענצליך פארשטאפן די סועד ליינס. דאס טוט צוברענגען סועד בעקאפס אין די מעין סועד ליינס. **ווען עס פאסירט א בעקאפ קען די סועד ארויפקומען אין פריוואטע הייזער** און אנזייען אויסטערלישע שאדנס. ווי אויך קען די סועד ארויפקומען אין די גאסן און אנברענגען געזונטהייט פראבלעמען.

**עס קען אבער פארמיטן ווערן גאר גרינג, ווען היים און ביזנעס אייגנטומער טוען נאכפאלגן עטליכע קליינע אנווייזונגען.**

רוב פעטנס וואס קומען אן אין די סועד פייפס איז פון אוועקגיסן אין סינק אדער אין ביהכ"ס די איבעריגע זאפט/פעטנס/שמאלץ נאכן קאכן.

די בעסטע וועג צו פארמיידן די סארט סועד בעקאפס איז, **מען זאל זיך צוריק האלטן פון אויסגיסן די שמאלץ אין סינק אדער ביהכ"ס**, און אנשטאט דעם זאל מען עס לאזן זיך אויסקילן אין א קאנטעינער, ווען עס איז שוין אויסגעקילט און פארגליווערט, קען מען עס גרינגערהייט אוועקווארפן אין די גארבידזש און עס מאכט נישט אן קיין באזונדערע שמוץ.

עס איז נישט קיין עצה צו לאזן לויפן הייס וואסער בשעת ווען מען גיסט עס אויס אין די סינק, ווייל דאס טוט נאר העלפן אז עס זאל זיך נישט פארגליווערן אין אייערע פייפס, אבער איינמאל עס קומט אן אין די מעין סועד ליינס, ווערט עס שוין אויסגעקילט, און עס ווערט ווידעראמאל פארגליווערט, און ווערט אנגעלייגט אין די פייפס.

איינוואוינער וואס האבן נאך סעפטיק טאנק סיסטעמס, דארפן וויסן אז ווען מ'גיסט דארט אוועק שמאלץ טוט עס אויך פארשטאפן דעם סיסטעם און קען אפקאסטן שווערע טויזנטער דאס צו פאררעכטן.